

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספרים וכתבי הק'
ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

## פרשת וירא

## מוסר חיים
לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמ"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### שרה'ס לייקענען איז געקומען פון גרויס יראת שמים

די תורה דערציילט (יח, יב- טו) "**וַתְּכַחֵשׁ שָׂרָה לֵאמֹר לֹא צָחַקְתִּי כִּי יָרֵאָה...**" - שרה אמנו האט געלייקענט - אז זי האט נישט געלאכט פון די בשורה אז זי גייט געבוירן. זאגט דער רבי, אז די תורה קומט דא אויסלערנען א וויכטיגע יסוד. ווייל אינ'אמת'ן איז שווער צו פארשטיין: וויאזוי האט שרה אמנו די צדיקת זיך געטרויעט צו לייקענען קעגן דעם רבש"ע היודע כל מחשבות בני אדם?!

נאר ס'איז דא לייקענען און ס'איז דא לייקענען, און מ'קען עס פארשטיין מיט א משל: לאמיר זיך פארשטעלן א גרויסער פאבריקאנט כאפט איינעם פון זיינע ארבייטער וואס איז אומווילנדיג באגאנגען קעגן אים א פארברעכן. ער לאזט אים רופן און פרעגט אים: "האסטו געטון דאס און דאס?"

אויב דער ארבייטער ענטפערט מיט א געהויבענעם קאפ: "יא, זיכער האב איך עס געטון..." וועט דער בעה"ב שרעקליך בייז ווערן און אים הארב באשטראפן. "אזא חוצפה! נישט גענוג ער האט מיך באַ'עולה'ט איז ער שטאלץ מיט דעם?!... ער שעמט זיך אפילו נישט דאס צו זאגן אין פנים אריין?!..."

מצד שני, אויב דער ארבייטער וועט לייקענען שטיין און ביין: "ס'הייבט זיך נישט אן, איך ווייס נישט פון וואס דו רעדסט!" וועט דער בעה"ב אויך זייער כעס'ן אויף אים: "אזא חוצפה! ער לייקענט מיר אין פנים אריין?!..."

איז איין מינוט; וואס וויל דער בעה"ב?! ווען דער ארבייטער האט זיך מודה געווען האסטו דיך אויך געָרעגט אויף אים?! אבער יעדער פארשטייט אז, יא! "זיך מודה זיין" קען צומאל ווייזן אויף עזות און חוצפה.

ווייל א געטרייער ארבייטער - ווען ער כאפט אז ער איז באגאנגען אן עוולה קעגן זיין האר, וועט ער זיך שעמען מודה צו זיין אז ער האט דאס געטון, און ער וועט דרייען אויף אזא מין אופן אז ס'זאל משמע זיין כאילו ער האט עס נישט געטון. אבער דער בעה"ב פארשטייט אז ער מיינט נישט באמת צו לייקענען, נאר **ער האט מורא צו באשטעטיגן** אז ער איז באגאנגען דעם פארברעכן **ווייל ער שעמט זיך דערמיט**, מאכט ער דעם אנשטעל כאילו ער האט עס נישט געטון.

קומט אויס אז דאס לייקענען ווייזט נישט אז ער איז מזלזל אין זיין האר - כאילו ס'טוט אים נישט לייד די עוולה וואס ער האט געטון, נאר פונקט פארקערט, דאס ווייזט ווי שטארק ער ציטערט פאר זיין האר און ער שעמט זיך פאר אים.

דאס קומט די תורה זאגן; שרה אמנו האט געלייקענט אז זי האט נישט געלאכט - ווייל די סעקונדע זי האט געכאפט אז זי האט בשוגג געטון אן עבירה, האט זי פשוט געציטערט מודה צו זיין אז זי האט געלאכט. ווייל זי האט געהאלטן אז אויב זי וועט זאגן: "יא, איך האב געלאכט..." וועט דאס אליין ווייזן א זלזול אין השי"ת; ס'טייטש?! זי שעמט זיך נישט צו זאגן אז זי האט געטון אן עבירה?!...

דאס איז פשט "**וַתְּכַחֵשׁ שָׂרָה - לֵאמֹר - לֹא צָחַקְתִּי**" נישט אז שרה האט געזאגט אן אפענע ליגנט אז זי האט נישט געלאכט, ווייל זי האט זיכער נישט מעיז געווען צו לייקענען קעגן דעם רבש"ע! נאר "**לֵאמֹר**" - זי האט געזאגט אויף אזא מין אופן וואס זאל משמע זיין **כאילו** זי האט נישט געלאכט. פארוואס האט זי דאס געטון? "**כִּי יָרֵאָה**" - ווייל פאר גרויס **יראת שמים** האט זי זיך געשעמט מודה צו זיין אז זי האט בשוגג געטון קעגן רצון השי"ת.

## פניני חיים
פנינים מובחרים משובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל – לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**וַיִּרָא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו וַיַּרְא וַיָּרָץ לִקְרָאתָם.** (יח, ב)
פארוואס שטייט צוויי מאל "**וַיַּרְא**"? נאר די צווייטע "**וַיַּרְא**" קומט זאגן, אז גלייך ווען אברהם אבינו האט געזען די מלאכים איז ער תיכף אויסגעהיילט געווארן, אפילו די מלאכים זענען נאכנישט אנגעקומען צו אים. ווייל די כח הרוחני פון א מלאך איז נישט באגרעניצט, און ער קען אויסהיילן בלויז מיט'ן זען. וועגן דעם שטייט נאכדעם "**וירץ לקראתם**", צו זאגן אז גלייך נאכן זען מלאך רפאל איז אברהם אויסגעהיילט געווארן, און ער איז שוין געווען ביכולת צו לויפן קעגן די מלאכים.

•

**אֵרְדָה נָּא וְאֶרְאֶה הַכְּצַעֲקָתָהּ הַבָּאָה אֵלַי עָשׂוּ כָּלָה...** (יח, כא)
וואס איז פשט פון "**ארדה נא**" - כאילו דער רבש"ע דארף כביכול **אראפקומען** צו קענען זען? ער זעט דאך אין איין אויגנבליק אלעס וואס טוט זיך אין אלע וועלטן?!

נאר דער אויבערשטער קומט דא מגלה זיין זיין געוואלדיגע מדת החסד. ווייל ע"פ דין וואלט א חוטא געדארפט נענש ווערן בכל חומר הדין, ווייל "**הכל לפי המבייש והמתבייש**" (ב"ק פג:) און אז א בשר ודם זינדיגט קעגן דעם מלך מלכי המלכים חי וקים לעד - איז דאך נישטא קיין עק פאר זיין עונש. נאר דער רבש"ע ברוב חסדו "**לאזט זיך אראפ**" און שאצט כאילו די עבירה איז קעגן א פשוט'ער בשר ודם, וואס דאן איז דער עונש פיל לייכטער.

דאס איז פשט "**ארדה נא ואראה**", דער רבש"ע זאגט: **איך וועל אראפגיין פון מיין גרויסקייט** - און באקוקן זייערע מעשים כאילו ס'וואלט געווען קעגן א בשר ודם. דאן וועל איך זען, אפשר נאכן גרינגער מאכן זייערע עבירות וועל איך זיי נישט מוזן פארלענדן.

•

**וה' פָּקַד אֶת שָׂרָה כַּאֲשֶׁר אָמָר.** (כא, א)
חז"ל זאגן (בבא קמא צב.) "**הַמִּתְפַּלֵּל בְּעַד חֲבֵירוֹ וְהוּא צָרִיךְ לְאוֹתוֹ דָבָר הוּא נֶעֱנֶה תְּחִלָּה**", און מ'לערנט עס ארויס פון אברהם אבינו וואס האט מתפלל געווען אויף אבימלך און גלייך נאכדעם איז ער אליין געהאלפן געווארן.

אויב אזוי קען זיך דאכטן, אז ווען אברהם דאווענט ווען נישט אויף אבימלך און ער טוט נישט די סגולה וואלט ער אליין אויך נישט געהאלפן געווארן, וועגן דעם שטייט "**וה' פקד את שרה כאשר אמר**" אז דער רבש"ע האט אים געהאלפן **אזויווי ער האט אים צוגעזאגט!** נאר כדי די הבטחה זאל מקוים ווערן, האט אים דער רבש"ע אונטערגעשיקט א מצוה וואס האט די סגולה אים צו ברענגען די ישועה.

•

**וַיִּקְרָא אַבְרָהָם אֶת שֶׁם בְּנוֹ הַנּוֹלַד לוֹ אֲשֶׁר יָלְדָה לּוֹ שָׂרָה יִצְחָק.** (כא, ג) די תורה דרוקט אויס "**הנולד לו**" כאטש ס'שטייט גלייך ווייטער "**אשר ילדה לו שרה**" צו זאגן, אז אפילו אברהם אבינו האט געהאט אן אנדערע זון - ישמעאל, איז אבער יצחק דער זון "**וואס איז געבוירן געווארן צו אים**" - דאס הייסט וואס אברהם אבינו האט באמת געגלוסט צו האבן.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998 אדער שיקט אן אימעיל צו:torahsohrhachaim@gmail.com

## הלכה ודרוש

### מדוע אצל פרעה לא נאמר הטעם "כי נביא הוא"

**"כִּי נָבִיא הוּא"**, וְיֵדַע שֶׁהֲגַם שֶׁנִּסְתְּרָה, הִיא לֹא נִטְמְאָה (כ ז).

דבר נפלא כתבו **בפני דוד ובאגרא דכלה**, דלפי דברי רבינו מובן מדוע גבי פרעה (יב יא-יג) לא נאמר להשיבה לאברהם "כי נביא הוא", דהרי אשת ישראל שנאנסה מותרת, וכשהיתה אצל פרעה עדיין לא היה אברהם כהן ואשת ישראל שנאנסה מותרת, ורק אחר מלחמת המלכים שניתן לו הכהונה, וכדאיתא בגמ' (נדרים לב, ב) שהקב"ה נטל הכהונה משם ונתנו לאברהם, וא"כ מוכח דהיה כהן, ואשת כהן שנאנסה אסורה, והרי האבות שמרו את כל התורה, ולכך אמר הקב"ה דאברהם ידע בנבואה שלא נגע בה ולכך מותרת.

### האיך סמך אברהם על הנבואה והרי תורה לא בשמים הוא

אולם, בעיקר דברי רבינו צריך ביאור, דהאיך סמך אברהם אבינו על נבואתו, והרי אמרינן 'תורה לא בשמים היא', וכדאיתא בשבת (קח, א) שאין לסמוך על אמירת אליהו הנביא בהלכה, דתורה לא בשמים הוא, ופירש"י דאיסור והיתר אין תלויים בו, כיון דתורה לאו בשמים היא יעו"ש, וא"כ האיך התיר אברהם את שרה ע"פ נבואתו.

**א.** בספר **ליקוטי יהודה** כתב, דהרי כתב האור החיים הקדוש בפרשת ויחי, דהאבות הק' קיימו כל התורה רק בתורת חומרא וקבלה, וכלשון קודשו של רבינו שם: והאבות לצד חביבותם בה' וחשקם באושר עליון קיימו הכל, כאומרו (לעיל כו, ה) "עקב אשר שמע" וגו', ואמרו ז"ל (יומא כח, ב) קיים אברהם אבינו אפילו עירוב תבשילין, להרויח תועלת המצות ועסק התורה. אבל במקום שהיו רואים תועלת דבר ההצלחה להם, כמו שתאמר יעקב כשהרגיש בהצלחתו בנשואי ב' האחיות, העלים עין מריוח הנמשך מקיום המצוה ההיא, כיון שאין לו עונש אם לא יקיימנה, כל עוד שלא נתנה תורה. ומה גם אם נאמר שהיו עושים על פי הדיבור, כי האבות נביאים היו (מגילה יד, א) וה' אמר להם לעשות כן.

ואיתא בשם **הרה"ק ה'דברי חיים' מצאנז זי"ע**, דבדבר שהוא מותר ע"פ הלכה אלא שבעל נפש רוצה להחמיר על עצמו, שוב רשאי לסמוך על רוח הקודש כשרואה שאין חשש חומרא, והביא ראיה לזה ממה ששתו השבטים יין עם יוסף, אע"פ שעדיין לא ידעו שהוא אחיהם וחשבו שהוא מצרי, אלא כיון דמעיקרא דדינא עדיין לא היו מוזהרים על זה, רק החמירו על עצמם לקיים כל התורה, ולכן כשידעו ברוה"ק דאין בזה חשש שפיר שתו. [וע"ע במקור חיים (צאנז, אות תל"ד), הובא בעטרת חיים עה"ת פר' מקץ בפס' "וטבוח טבח". ושם ציין למה שכתב בס' דברי תורה (מונקאטש, ח"ז אות י') בשם הגה"ק משינאווא]. וכן אמר גם **הרה"ק מלובלין זי"ע** (והו"ד בס' רמתים צופים בתנדב"א זוטא) יעו"ש. וא"כ שפיר סמך אברהם אבינו בזה על נבואה, כיון דממילא כל מצוותיו היו רק בתורת חומרא.

**ב. בשו"ת יד אליהו** (רגולר, ח"א סי' מ"ג) תירץ, דכל עיקר הטעם שאסור לסמוך על רוח הקודש לברר הספק, הוא כדאיתא בפרק הזהב (ב"מ נט, ב) דתורה לא בשמים היא, והיינו דוקא לאחר שניתנה התורה כאן בארץ, דשוב לא ניתן רשות להשתמש בבת קול ורוח הקודש, אבל אברהם אבינו שקיים כל התורה בעודה בשמים, ודאי היה מותר לו אז להשתמש ברוח הקודש לברר הספק.

**ג. ובפשטות** י"ל ע"פ מה שכתב **המשנה למלך** (פ"ט מהל' אישות ה"ו) דרק בספיקא דדינא לא סמכינן על נביא, אבל בספיקא דמציאות שפיר סמכינן על נבואה ורוה"ק, יעו"ש. וכ"כ גם **החיד"א בספר ברכי יוסף** (או"ח סי' ל"ב) והוכיח כן מהמבואר בכמה דוכתי דלברר ספיקא דמציאות שפיר סמכינן על פי אליהו, כמבואר בשבת (קח, א וברש"י שם) דאם יבא אליהו ויאמר דפסקה זוהמא מדג, כותבין עליו ס"ת. וכן בברכות (לה, ב) אמרו, דלכשיבוא אליהו ויאמר אי הויא קביעותא. ובפסחים (יג, א) אמרו, שמא יבא אליהו ויאמר על התרומה התלויה שהיא טהורה. וביבמות (לה, ב) אמרו, אם יבוא אליהו ויאמר דהאי דאיעברא מפלה, יעו"ש. וא"כ שפיר סמך על נבואתו לברר המציאות אם נטמאה או לא.

**ד.** ויש לציין דבבית מאיר (סוף אהע"ז בקונטרס צלעות הבית סי' א') כתב דהא דלא בשמים היא, היינו דבמקום שצריך שני עדים, נביא לא נאמן, אבל במקום שמספיק עד אחד, אכן אף נביא נאמן. וכן כתב בקובץ שיעורים (ב"ב אות תר"מ, ובח"ב קונטרס דברי סופרים סי' ה') בט' חנויות מוכרות נבילה וא' מוכרת בשר כשרה, אם יבוא נביא ויאמר שהבשר שנמצא היא מהכשרה, אין הולכים אחר הרוב, כיון שגם ע"א נאמן בזה. ולפי"ז כיון שע"א נאמן לומר על אשה שהיא לא נאסרה, לכן אפשר לסמוך גם על נביא.

**ה.** ועוד אפשר לתרץ ע"פ המבואר בשו"ת חת"ס (או"ח סי' ר"ח), דבמקום ספקות נביא נאמן, ורק כשכבר הוחזק דבר, אף שהוחזק ע"פ רוב, כגון שהוחזק שזהו בנו ע"פ רוב בעילות אחר הבעל, אז אין הנביא נאמן. וא"כ גם כאן, כיון שהיה הדבר ספק ולא הוחזק מה היה אצל אבימלך, לכן גם נביא נאמן בזה.

### מה מועיל שידע אברהם שלא נטמאה והרי אין אדם נאמן על עצמו

יש לדון, דגם אם נאמר שבירר אברהם אבינו על פי נבואה שהיא מותרת ולא נאנסה, האיך סמך על זה, והרי בכתובות (כז, א) איתא דרבי זכריה בן הקצב נשבע, המעון הזה שלא זזה ידי מתוך ידה. ואמרו לו, אין אדם נאמן על ידי עצמו. והכא נמי, אף דהוא נביא, אינו נאמן לומר כי היה דבר ה' אליו במחזה שטהורה היא, דאינו נאמן על ידי עצמו. ודיני התורה שוים לכל.

**א. באגרא דכלה** כתב, דודאי כשאדם בא אל הבית דין ואומר נשבית אשתי וטהורה היא שלא זזה ידה מתוך ידי, דודאי נאמן, כי הפה שאסר וכו', וכאן לא היה בית דין ישראלים שידעו מזה הענין, רק אברהם, ולגבי דידיה מהימן ביודעו היטב.

וכן תירץ **החיד"א בפני דוד** ביתר ביאור, וז"ל: ונראה דזהו שאינו נאמן על עצמו, חומרא מדרבנן, משום מעלת יוחסין והוא חומרא. וכ"כ הרב בית שמואל (סי' ז' סק"ד), וסיים, דדוקא להעיד אינו יכול, אבל אם לא ידע שום אדם דהיתה שבויה אלא הוא, והיה עמה וידע שלא נטמאת, מותרת לו, ע"כ. ומאחר שכן, באותו פרק דלא היו ישראל עדיין בעולם, לא היה צריך אברהם אבינו ע"ה לנהוג חומרא זו, דמדינא שריא, וגם, אם לא ידע שום אדם, אין להחמיר. והשתא כלא ידע שום אדם דמי, דגוים כמאן דליתנהו, ומה ידעו מדיני וחומרות ישראל, עכ"ל.

**ב. בחקל יצחק** כתב לתרץ, היות שמצד תורת דין בני נח, לא היתה אסורה לו, כיון שנאנסה, רק מצד חומרא, יען שהיה מקיים תורת משה, ועל דבר שאינו רק מצד חומרא, יוכל לסמוך על הנבואה ואפילו לעצמו, כי כל התורה היה לו רק מצד הנבואה, ע"כ כמו שהנבואה אסרה לו כך הנבואה התירה לו, כעין מה דמצינו בדברי חז"ל הם אמרו והם אמרו. [וכעין יסוד זה שהובא לעיל מהרה"ק מלובלין וה'דברי חיים' זי"ע].

## אגדה וחסידות

### צדיקים נעשים מרכבה לשכינה – במקום המלאכים

**"וַיֵּרָא אֵלָיו ה'"**. כַּוָּנַת הַכָּתוּב הִיא, שֶׁבָּא לְהוֹדִיעַ שֶׁהִשְׁרָה ה' שְׁכִינָתוֹ עָלָיו וְנַעֲשָׂה מֶרְכָּבָה לַשְּׁכִינָה. וְתִמְצָא שֶׁאָמְרוּ ז"ל (ב"ר פמ"ז) הָאָבוֹת מֶרְכָּבָה לַשְּׁכִינָה. וְהוּא אוֹמְרוֹ "וַיֵּרָא אֵלָיו ה'", שֶׁגִּלָּה ה' שְׁכִינָתוֹ אֵלָיו. וְלָזֶה הִקְדִּים תֵּבַת "אֵלָיו" לְהַזְכָּרַת ה', לוֹמַר שֶׁנִּתְגַּלֵּית עָלָיו הַשְּׁכִינָה, מַה שֶּׁלֹּא נִשְׁמָע בְּאוֹמְרוֹ 'וַיֵּרָא ה' אֵלָיו' כִּי ה' יַפְסִיק בֵּין הַגִּלּוּי לַמִּתְגַּלֶּה בּוֹ, וְהָבֵן. וְלָזֶה תִּמְצָא שֶׁלֹּא נֶאֱמַר עוֹד "וַיֵּרָא" בְּכָל הַנְּבוּאוֹת הַנֶּאֱמָרוֹת לְאַבְרָהָם אַחֲרֵי זֹאת אֶלָּא וַיֹּאמֶר ה', כִּי מָצוּי הוּא לְפָנָיו עֲטָרָה לְרֹאשׁוֹ **(יח א)**.

רבינו מביא דברי המדרש שהאבות הקדושים נעשו מרכבה לשכינה, ודרשי לה ממה שנאמר אצל אברהם (יז, כב) "ויעל אלקים מעל אברהם", ואצל יעקב נאמר (לה, יג) "והנה ה' נצב עליו". ובזה מפרש רבינו, שמה שנאמר כאן "וירא", אין הכוונה רק שנתגלה אליו באותו הפעם, אלא שבאותו גילוי השרה ה' שכינתו עליו בקביעות, ונעשה מרכבה לשכינה.

ובספה"ק **ישמח משה** ביאר דברי רבינו, דלכאורה קשה, הרי נושאי המרכבה הם מיכאל וגבריאל ורפאל שהם מלאכי מרכבה, ומה הכוונה שהאבות הקדושים נעשו מרכבה. ומבאר, שבזמן שהצדיקים בדור, הקב"ה מתלבש בצדיקים, אבל אם אין צדיקים, הוא מתלבש במלאכים, ולזה מלאכי מרכבה אי אפשר שישתלחו בשליחות, רק אם צדיקים נעשה מרכבה לשכינה. ומוסיף רמז נחמד לפירושו של רבינו, שתיבת "אליו" ראשי תיבות: **אתו להתחבר יומם ולילה.**

**ועיין לרבינו בפרשת קדושים** בפסוק (כ, ז) "והתקדשתם והייתם קדושים": יצו ה' שיהיו נוטים אל בחינת הקדושה, ובזה הוא מבטיחם שיהיו במדריגת מלאכים הנקראים קדושים, דכתיב (דניאל ח, יג) "ויאמר אחד קדוש", והוא אומרו "והייתם קדושים". ותמצא שאמרו ז"ל (במדב"ר כ, כ) בפסוק "כעת יאמר ליעקב" וגו' (במדבר כג, כג) כי המלאכים יהיו עומדים בשורה החיצונה וישראל בפנים, ושואלים מלאכי אלקים לעם קדושו "מה פעל א-ל". נמצאת אומר, כי קדושיו במקום המלאכים הם ישראל. וחזר הכתוב ופירש הדבר שבו יתקדשו ואמר, "ושמרתם את חקותי", פירוש תשמרו מצות לא תעשה, ותקיימו מצות עשה, בזה אני מקדשכם, כי ע"י זה שם הוי"ה מתגלה עליו, ובזה מתקדש. וכמו שכתוב בזוהר (תיקו"ז תיקון ע') כי האבר שבו עושה מצוה שורה עליו שם הוי"ה הרמוז בתיבת מצוה, עכ"ל. והרי מפורש בלשון רבינו 'כי קדושיו במקום המלאכים הם ישראל'. ומהמשך פירושו על השראת השכינה על העושה מצוה, ניתן ללמוד כוונתו, שכשיהיו ישראל קדושים, תשרה השכינה על ישראל ולא על המלאכים.

### טהרה והרהור בתשובה קודם לימוד התורה בכלל, וקודם לימוד הקבלה בפרט

**"יֻקַּח נָא מְעַט מַיִם וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ" וגו'**. פת לחם יִרְמֹז עִנְיַן הַנּוֹגֵעַ לְמַלְאָכִים שֶׁיִּקְּחוּ "מְעַט מַיִם" שֶׁהִיא הַתּוֹרָה. וּלְהְיוֹת כִּי הַתּוֹרָה יֵשׁ בָּהּ בְּחִינַת הַפְּשָׁט וּבְחִינַת הַפְּנִימִיּוּת, וְהִנֵּה הַמַּלְאָכִים שֶׁבָּאוּ בִּדְמוּת אֲנָשִׁים, הוּא גּוּף שֶׁבָּרָא לָהֶם ה' רוּחָנִי מֵהַגְלָדַת הָאֲוִירִים (זֹהַר ח"א נח), וּבְעֵרֶךְ עַצְמוּת הַמַּלְאָךְ יֵחָשֵׁב גּוּף וְיִתְיַחֵס אֵלָיו בְּחִינַת רֶגֶל, כַּיָּדוּעַ הַטַּעַם לְיוֹדְעֵי חֵן, וְרָמַז לָהֶם שֶׁיִּקְּחוּ "מְעַט מַיִם" מִפְּשָׁטֵי הַתּוֹרָה וִיטַהֲרוּ בּוֹ רַגְלֵיהֶם שֶׁהוּא בְּחִינַת גּוּף הַנִּכָּר עֲלֵיהֶם. וְיִשָּׁעֲנוּ "תַּחַת הָעֵץ", שֶׁהִיא הַתּוֹרָה שֶׁנִּקְרֵאת "עֵץ חַיִּים", וְלָזֶה אָמַר "הָעֵץ" בְּהֵ"א הַיְדִיעָה. גַּם אָמַר לָהֶם שֶׁיִּקְּחוּ "פַּת לֶחֶם", הוּא בְּחִינַת פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה וְיִסְעֲדוּ בּוֹ פְּנִימִיּוּתָם, וְהוּא אוֹמְרוֹ "לִבְּכֶם". וְדִקְדֵּק לוֹמַר "פַּת לֶחֶם", פַּת שֶׁיֵּשׁ בִּבְחִינָתוֹ לֶחֶם, שֶׁהֵם ג' הֲוָיוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת חַיּוּת הָעוֹלָמוֹת (יח ד).

מבואר בדברי רבינו, שאברהם אבינו רצה ללמוד עם המלאכים תורה, הן פשטות התורה והן פנימיות התורה, והיות שהם ירדו לעולם בדמות גוף של בני אדם, וזה נקרא 'רגליהם' של המלאכים, לפיכך אמר להם שיטהרו גופם תחילה בלימוד פשטיות התורה, ואחר כך יתעסק עמהם בפנימיות התורה.

כמו כן כתב בזה בספה"ק **עבודת ישראל**, עיי"ש. ובספה"ק **אמרי יוסף** ביאר דברי רבינו, דאי אפשר לזכות לתורה ובפרט פנימיות התורה בלי טהרת הלב ותשובה, כי הלומד תורה ועוסק במצוות קודם שעושה תשובה, הוא בכלל מה שכתוב "ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חקי" (תהלים נ, טז), ולכך אמר להם שילמדו פשטי התורה לשם תשובה וטהרה מעוונותיהם, ואחר כך יוכלו לעסוק בתורת הסוד.

ויש להביא כאן דבר נורא, שכתב בספר **עבודת הלוים** (עמ"ס שבועות, בהקדמה) בשם **הרה"ק ה'דברי חיים' מצאנז זי"ע** מדוע זכה בעל הקצות החושן שחיבורו הגדול יתפרסם כל כך בעולם, וז"ל: אדמו"ר הגה"ק רשכבה"ג זצוקללה"ה מצאנז, אמר על ספר קצות החושן ז"ל שנתקבל כל כך בעולם, וכבר היו גאונים גדולים יותר ולא זכו לזה, אלא שלימוד קצוה"ח היה ביראה גדולה, וקודם שישב ללמוד היה דרכו שהלך בחדר מיוחד ועשה תשובה בבכיה עצומה שלא יהיה בכלל "ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חקי". וע"ע בספה"ק מאור ושמש פר' דברים (ד"ה א"י אלה הדברים, השני).

**ובפרשת אחרי** (יח, ד) כתב רבינו לבאר מה שנאמר בסיום פרשת העריות "ואת משפטי תעשו ואת חוקותי תשמרו", ולכאורה מדוע ציוה דוקא בסיום מצוה זו על שמירת כל המצוות עשה ולא תעשה. והנה לשונו: 'באמצעות שמירת העריות ימצאו הכנה בנפשותם לקיים מצות עשה, כאומרו "משפטי תעשו", ושמירת כל הלאוין כאומרו "חקותי תשמרו". מה שאין כן אם יתעיב מעשיו בדרך ההוא, תחלה נפשו בתחלואי הטומאה, ולא יקיים אחת מהנה, כי טומאת חטא זה משרה טומאה על כל איברי האדם וכוחותיו. וכיון שכן, כל הלאוין לא ימנע מהן, כי בכל אבר טומאתו בו, וכן מצות עשה. והגם שיעשה לפעמים איזו מצוה, אינה מצוה, כי לא יתרצה בה הבורא יתברך שמו, על דרך אומרו "ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי" וגו', כי אין חפץ לה' בהם אלא במצוה הנעשית בקדושה.

**ובכמה מקומות כותב רבינו**, שתנאי היסוד ללימוד תורת הסוד, הוא רק לאחר שזיכך הלומד עצמו כראוי, ורק לאחר שלמד את כל נגלות התורה. **וראו דבריו בסוף פרשת משפטים** (כד, יא): ויש עוד לאלו-ה מילין בפירושן של דברים, ושומר אני עצמי מהעלות על ספר, דברים היושבים בסתר עליון, לבל יהנו מהם מי שאינו ראוי לאור באור החיים.

ובספר **חפץ ה'** (שבת פח, ב): ידוע הוא כי התלבשות התורה הוא הפשט, וגופי התורה ועיקרה היינו הסוד אשר בלתי נראה, ולהיות כי נתנה לבשר ודם, עשה לה ב"ה מלבוש לבל יפשטו ידיהם כל הבא ליטול, עד דטרח בפשט ויהיה נאמן ביראתו ובעבודתו ואז יכנס דרך שם לסודי התורה, דממילא כבר גבר בו צד הרוחניות כמלאכי אלקים.

ובספר **ראשון לציון** (יור"ד סי' רמ"ו ס"ד) על דברי הרמ"א ש'אין לאדם לטייל בפרד"ס רק לאחר שמלא כריסו בשר ויין, והוא לידע איסור והיתר ודיני המצות', כתב רבינו: נראה, דאין מספיק לאדם לומר אדע דיני התורה איסור והיתר כו', מפסק הדין ומהשלחן ערוך שחיבר מורנו הרב יוסף קארו, שנתפשט בכל הקהלות לדון על פיו, ואעסוק בחכמת הסוד, הגם כי רבה היא. נראה כי כל עוד שלא ידע עיקר הדין מהש"ס ומוצאו, אינו יכול לעמוד על אמיתת הדבר. ומוסיף רבינו: אלא דעל כל פנים אם זה האדם דעתו רחבה, יכול לקבוע עתים ידועים או ימים ידועים להסתכל ולידע בנוראות ה', לקיים מצות "דע את אלקיך ועבדהו" (דהי"א כח, ט), כאשר הפליא לומר האלקי רשב"י זצוק"ל בספר הזהר הקדוש. עכל"ק.



מתיקות ועריבות טוב התורה

מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.

להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# אור החיים' – ספרו הקדוש על התורה

## מאמרים משובבי נפש להתלהט ולהתקדש בלימוד אור החיים הקדוש

### שוה לכל נפש - כפי דרגתה!

אפשר ו'פלא הפלאים' של הספר הקדוש, שיחד עם עמקותו העצומה ורזיו הנשגבים - נכתב בסגנון השוה לכל נפש. צדיקים ובעלי מדרגה מוצאים בו מפתן להיכלות טמירים, מעמיקי עיון מפלפלים בחידושיו ומשתאים מאמתותם, ויהודים פשוטים ממשמשים בדפיו וסופגים אל לבם התעוררות.

איברא, כל הוגה ומעמיק בספר - גם אם גשתו אל הקודש נעשית בפשטות - רואה וחש, כי גם הדברים הנראים פשוטים, עומק ושגב יש בהם, ולא נכתבו בצורה זו אלא כדי שיובנו לכל אחד. בפשטות תמציתית, ללא כל התפעלות או הצבעה מדגישה על חידושים, כתב רבנו את חיבורו, בבחינת הכתוב (קהלת ט, יז) "דברי חכמים בנחת נשמעים". החידוש מובלע באותה נעימה, והרז טמון בקפלי הסגנון הפשוט, וכל אדם מוצא בדברי רבנו כפי דרגתו ושיעורא דליביה.

לא רק סודות התורה נגנזו בלשונו הפשטנית של רבנו. כל דבריו - כולם ממש - בקיצור המחפה על העומק, מועט המחזיק את המרובה, וכל מילה בלשון קדשו טעונה משמעות נסתרת ועמוקה. יש שבמלים בודדות הוא מקיף נושא שלם, או רומז לו. ובעוד הלומד לומד לפי דרכו, המעיין והמדקדק - אם ברי לבב הם ועיניים זכות להם - יחושו במשמעות הנעלמת.

**הגה"ח רבי משה שלמה ווייס ('בטלן') זצ"ל**

מילידי לאדז' ומחסידי הרה"ק בעל ה'ישמח ישראל' מאלכסנדר זי"ע ואחיו הרה"ק בעל ה'תפארת שמואל' זי"ע. בפרוץ מלחמת העולם הראשונה, עבר לסלונים, שם התקרב להרה"ק רבי שמואל מסלונים זי"ע, ובהמשך עקר לקעשינוב - שבאותה עת הוחלף בה השלטון, מרוסי לרומני - ומשם היה ביכולתו לנסוע להרה"ק רבי אברהם מתתיהו משטענפינשט זי"ע.

בקעשינוב הכיר את כ"ק האדמו"ר רבי יעקב יוסף מסקווירא זצוק"ל, וכשעבר לעיר קאלארש שבבסרביה הצטרף אליו. גם כשהמשיך הרבי ליאס שברומניה, היה רבי משה יד ימינו ונתמנה להיות משמשו בקודש - והיו מכנים אותו 'רבי משה גבאי'. גם במלחמת העולם השניה לא זזה ידו מתוך ידו, ולאחר המלחמה כשהרבי קיבל אשרת כניסה לארצות הברית ורבי משה נאלץ להישאר באנטוורפן - היה רבי משה שולח **בכל יום** מכתב לרבי.

באותן שנים, התקרב לכ"ק האדמו"ר רבי יוסף גרינוולד מפאפא זצוק"ל, שהתגורר באנטוורפן, ויחד עמו נסע לארץ ישראל והסתופף בצל הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע. בשנת תשט"ו, עזב את אנטוורפן והתיישב בירושלים עיר הקודש, שם התקרב מאד אל כ"ק האדמו"ר בעל ה'בית ישראל' מגור זצוק"ל - שרגיל היה להפטיר לעברו: "דו ביסט גארנישט אזא בטלן"... (= אתה לגמרי לא כזה בטלן). כן היה מקורב מאד אצל כ"ק האדמו"ר רבי חיים מאיר מויז'ניץ זצוק"ל ואצל כ"ק האדמו"ר רבי יוחנן מרחמסטריווקא זצוק"ל.

לאחר שאמו נפטרה, בשנת תש"כ, עקר רבי משה לארצות הברית והתיישב ב'שיכון סקווירא', סמוך ונראה לרבו המובהק, ונחשב לאחת מ'דמויות ההוד' בין החסידים. לאחר פטירת רבו, בב' בניסן תשכ"ח, קיבל מרותו של כ"ק האדמו"ר שליט"א וחיזק את התקשרות כל העדה אליו. כאשר התבקש לבית עולמו, בכ"א בטבת תשל"ב, הלך לפניו צדקו ושמו הטוב נישא בפי כל.

בקי עצום היה בכל חדרי תורה, בש"ס ובפוסקים ובמילי דחסידותא, אך התקשרותו העצומה עם הספר 'אור החיים' הקדוש, פלאית היא, וכפי שהתבטא כ"ק האדמו"ר רבי חיים זאנוויל מריבניץ זצוק"ל (שהכיר את רבי משה מקעשינוב ומשטעפינשט, שכן הרה"ק משטעפינשט החשיבו כבן ממש) בהגדרה נדירה: "רבי משה בטלן הוא 'חד בדרא' בלימוד 'אור החיים' הקדוש" (קונטרס 'איש חסיד היה' (פרק ג, אות כד) שבספר 'יד אור החיים הקדוש' בעריכת הרה"ח רבי חיים דוד באקאן שיחי').

וסיפר עוד, שבשטעפינשט היה חברה של כמה לומדים שכל אחד מהם ידע ש"ס בעל פה ("צוריק-צו-וועגס" - ישר והפוך), ורבי משה היה 'יחיד מומחה' באור החיים' הקדוש.

דמותו של רבי משה חקוקה בקרב זוכריו כ'אור החיים איד', והיה לומד 'אור החיים' הקדוש בכל יום וכל היום, בחרדת קודש ובעיון מעמיק, כשבכל שבוע היה לומד כמה פעמים את דברי רבנו על הסדרה. נוהג היה ללמוד עם בחורים ואברכים, כשהוא מדריכם ומדרבנם: "גוט צו קייען" (= ללעוס טוב את דברי ה'אור החיים' הקדוש), "ציילען די ווערטער" (= למנות את התיבות) וכדו'.

ואף אמר פעם - להרה"ח רבי חיים אלתר ראטה ז"ל - כי "הלימוד ב'אור החיים' הקדוש מדריך את האדם בדרכי הלימוד, ממש כפי שבלימוד גמרא לומדים כיצד ללמוד". ואם בכל השבוע כך, בשבת קודש היה כל כולו שקוע ב'אור החיים' הקדוש, מבואו ועד צאתו, ואמר כמה שיעורים בכל עת מצוא.

אלו שזכו ללמוד עמו, רכשו מבט מזוכך על לימוד 'אור החיים' הקדוש ושמעו מפיו ביאורים נפלאים בדייקו כל תיבה בלשון רבנו. בידו היו מסורים כללים ויסודות בתורת רבנו, וכל מילה היתה אצלו 'תורה שלמה'. כששאלוהו מדוע אינו כותב את חידושיו על 'אור החיים' הקדוש, השיב: "מה?! לכתוב פירוש על ה'אור החיים' הקדוש?! הרי את הספר הזה לומדים בפרד"ס ממש, וככל שלומדים יותר כך מקבלים הרגש חדש. וממילא, כיצד ניתן לעשות חיבור על ספר זה".

התקשרותו המופלאה ל'אור החיים' הקדוש, יסודותיה עוד בהסתופפו בצל ה'ישמח ישראל' מאלכסנדר, עליו התבטא הרה"ק רבי יעקב אריה מראדזימין זי"ע שנשמתו היא נשמת רבנו ה'אור החיים' הקדוש.

המשכה, בכניסתו תחת צלו של הרה"ק משטעפינשט, נכדו של הרה"ק רבי ישראל מריז'ין זי"ע, שהוא וזרעו אחריו החשיבו מאד את הקביעות בלימוד זה. וסופה והתעצמותה בקשר האמיץ והעמוק שנרקם בינו לרבו המובהק מסקווירא, שקידש את הלימוד ב'אור החיים' הקדוש והשתיתו כאחד היסודות והתנאים לשיטתו בהנהגה.

פעם אמר לו הרבי: "ידוע כי חסידים לא היו לומדים בספר שהמחבר לא היה גדול במדרגתו מהדברים שכתב בספרו. והנה, אם התקבל הספר 'אור החיים' הקדוש בכל חצרות החסידים, הרי לנו שהוא היה באלף מדרגות גבוה יותר מספרו" - ורבי משה נטל אמרה זו והעמידה לנגד עיניו בלומדו בספר.

מספרים עליו, כי היה הוגה כל ימיו ב'אור החיים' הקדוש, ויחד עם זאת לא פסק מלמצוא בו חידושים שלא עמד עליהם קודם לכן. תלמידיו שזכו להשתתף בשיעוריו בספר הקדוש, שתו בצמא את הדרכותיו וכלליו, כשהיה מורה ומלמד כיצד יש למצוא ענין וטעם בכל דבר. בהיותו בקי ורגיל ב'אור החיים' הקדוש, מיאן רבי משה לקבל מילה אחת מיותרת בלשון רבנו, כי לא הוסיף אות לתפארת המליצה וכל דבריו מדוקדקים בתכלית הדיוק, לרבות הביטויים והמליצות, ואפילו אופן הבאת הפסוקים.

כאשר הביא רבנו פסוק במלואו, או כשחיסר ממנו תיבה או אות, היה רבי משה מחפש ותובע לדעת איזה קושי בא רבנו לבאר באותו שינוי.

וכשפירש רבנו כמה פירושים - הטעים רבי משה - מוכרחים אנו ללמוד מכך, שרבנו לא מצא שלמות באחד מהם, כי באותו פסוק רבו הקושיות והדקדוקים ואין אחד מן הפירושים מקיף ומשיב על כולם, ורק בהצטרפות כל הפירושים יחדיו יסורו הדקדוקים והקושיות כולם.

במקום שכתב רבנו תיבת 'פירוש' בתוך דבריו, הגם שנראה שרבנו בא לבאר את תוכן דבריו, הדגיש רבי משה והוכיח שבכך מפרש רבנו לשון הפסוק ודיוקו.

דוגמא לדבר, נמצא לפנינו בפרשתנו שכתב רבנו על הפסוק (בראשית יח, ב) "והנה שלושה אנשים נצבים עליו" בזו הלשון: "ואומרו 'נצבים', לומר, כי אברהם להכרתו במשרתי עליון הכיר בהם שהיו ממונים על דבר, **פירוש**: הכיר בהם שהיו שלוחים אל אברהם לצורכו, כמו שכן היה אחד לרפאותו ואחד לבשר 'כעת חיה' וגו'. ואחד, הגם שהיה הולך להפוך את סדום, אף על פי כן לסיבת אברהם היה עומד מעוכב מלכת עד אשר דבר ה' אליו והיה מה שהיה, ואז פנה והלך לו, הרי כי כל העמדתו היתה עליו". וביאר רבי משה, שמה שכתב רבנו 'פירוש', לא בא להטעים ולבאר את הרעיון שכתב, אלא לבאר תיבת "עליו" שבואם היה לצרכו.

כששמע מאן דהוא האומר על לשון ה'אור החיים' הקדוש שהוא 'לתפארת המליצה' או 'אגב גררא', גער בו והוכיחו על פניו, כי אין תיבה מיותרת בלשון הזהב של רבנו.

הוא שרמז רבנו בהקדמתו וכתב:

ואת השני אקח - רוח דעת, לשקול במשקולת הדעת, בהתכוננות הדעת, שהוא דבר המתאים בין החכמה והבינה. ואל זה אביט בדבר ואופנו. **ואת אשר עדיו יגיעו הדברים להבין בהם**, לבל ישימו בפיהם מר למתוק מדבש, ויורק טעמו מחסרון המקבל.

# די תורה פון אור החיים הק' ווערט געלערנט אין "מתיבתא דרקיעא"

ערב שבת קודש איז געווען דער טאג וואס דער אור החיים הק' האט געווידמעט אויף צו שרייבן זיין חיבור **"אור החיים"**. אפילו אין אנגעשטרענגטע צייטן, אין שאטן פון צרות און פיין וואנדערנדיג פון איין ארט צום צווייטן, האט אויך דער אור החיים הק' מקדיש געווען זיין טייערע צייט פון ערב שבת קודש צו שרייבן זיינע חידושים.

פארוואס פונקט **פרייטאג**? שרייבט דער רבי אין די הקדמה; ווייל אין דעם טאג האט דער רבש"ע באשאפן דעם מענטש, איז דאך נישטא קיין פאסיגערע צייט מרבה צו זיין כבוד שמים אויף דער וועלט ווי אינעם טאג וואס ער איז באשאפן געווארן, וואס דעם טאג איז זיין מזל שטערקער.

•

דער חיבור **"אור החיים"** - אין וועלכע דער רבי האט אריינגעלייגט מורא'דיגע כוחות און יגיעה וואס מ'טרעפט נישט ביי זיינע אנדערע חיבורים - איז נתקבל געווארן אין די "ישיבה של מעלה" נאך איידער ס'איז באוואוסט געווארן אויף דער וועלט דא אונטן.

אזוי ווערט געברענגט פון הגה"ח ר' **נחום זאב ברזובסקי** זצ"ל (רב דחסידי סלונים ב"ב, אחיו הגדול של בעל 'נתיבות שלום' זצ"ל - ששמע מפי הגה"צ ר' משה מידנער זצ"ל מגדולי חסידי סלונים, ונכד בעל 'יסוד העבודה' זי"ע) אז דער **בעש"ט** הק' זי"ע האט זיך אמאל מתבטא געווען: "איך האב אים געזען [דעם "אור החיים הקדוש"] זיצן אין היכל פון משיח לערנענדיג אין זיין ספר, און זיין דרך איז ענליך צו אונזער דרך!"

אזוי אויך שרייבט הגה"ק ר' **שלום תאומים** זצ"ל אין זיין ספר "אור התורה" (פ' בהעלותך) נאכן ברענגען א וואָרט פון אור החיים הקדוש, שרייבט ער: "**וְהִנֵּה תּוֹרַת הַקָּדוֹשׁ בַּעַל 'אוֹר הַחַיִּים' זוֹרֵחַ כַּשֶּׁמֶשׁ בַּצָּהֳרָיִם וּמֵאִיר בְּכָל הָעוֹלָמוֹת**"!

ס'איז ידוע ומפורסם די מעשה מיט די 42 פשטים וואס דער אור החיים הק' האט געטייטשט אויפן פסוק "**אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם**", וואס פון דארט זעט מען אויך אז זיינע חידושים זענען נתקבל געווארן אין "מתיבתא דרקיע". ס'איז דא עטליכע גירסאות אין די מעשה, און מיר וועלן ברענגען די גירסא וואס איז די מערסטע אנגענומען.

[שהגה"צ המקובל ר' משה יאיר וויינשטאק זצ"ל מביא בספרו "שנים עשר שבטי ישראל", כפי שקיבל מהגה"צ ר' יצחק ישראל רייזמאן זצ"ל - חבר בד"צ עדה החרדית, ששמע מפי ראש המקובלים הגאון ר' חיים שאול הכהן דוויק זצ"ל אשר קיבל מפי רבו המובהק הגאון המקובל ר' מרדכי עבאדי זצ"ל מחכמי ארם צובא].

ווי באוואוסט איז נגזר געווארן אויפן אור החיים הק' צו גיין גלות ליידן פאר א יאר צייט, פארן נישט מוחה זיין אויף א זלזול בתלמיד חכם. אין יענע תקופה האט פאסירט די פאלגענדע מעשה:

ערב שבת קודש פרשת בחקותי איז דער אור החיים הק' אנגעקומען נאנט צו א שטאט, און ער האט זיך געזעצט אפרוען אינדרויסן פון שטאט. דארט אויפן פרייען פעלד איז ער פארזינקען געווארן אין זיינע הייליגע מחשבות כדרכו בקודש יעדן ערב שבת קודש - די קביעות'דיגע צייט אין וועלכע ער פלעגט זיך מתעמק זיין אין די תורה הקדושה ברוב קדושה וטהרה.

זייענדיג פארטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות האט אים דער רבש"ע אריינגעשיינט אין געדאנק 42 פשטים אויף די ערשטע פסוק פון די פרשה: "**אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם**". ער איז זייער באגייסטערט געווארן פון די זעלטענע אור וואס האט אים אויפגעלויכטן, און ער האט פארשטאנען אז דאס איז "תורה מן השמים" וואס מ'האט אים מגלה געווען פון הימל.

ווען דער זון האט זיך געגרייט אונטערצוגיין, איז דער אור החיים הק' אריין אין שטאט, ער איז אריין אין בית המדרש און זיך געזעצט צווישן די געסט. נאך קבלת שבת און מעריב האט אים איינער פון די נכבדי הקהילה געלאדענט אויף סעודות שבת, און דער החיים הק' איז געגאנגען עסן צו אים, ווען דער בעל הבית ווייסט ניטאמאל ווער זיין געהויבענער גאסט איז.

פאר'ן בענטשן האט דער גאסט געבער געזאגט פאר'ן אור החיים הק' אז דא איז איינגעפירט אז אלע איינוואוינער נעמען זיך צוזאם ביים רב אין שטוב, און דער רב - וועלכער איז אן איש קדוש - זאגט זיי דברי תורה וואס ער הערט אין מתיבתא דרקיע און נאכדעם בענטשן דארט אלע אינאיינעם ברכת המזון.

איז דער אור החיים הק' מיטגעגאנגען מיט זיין גאסט געבער צום רב אהיים, ווען דער בעה"ב - מנכבדי הקהילה - זעצט זיך אויבנאן נעבן דעם רב, און דער אור החיים הק' האט באקומען א פלאץ אין א זייט צווישן די געסט.

ווען דער רב האט זיך געגרייט אנצוהייבן זאגן די דברי תורה איז זיין פנים געווארן פארפלאמט, און מ'האט געזען ווי ער שוועבט אין א העכערע וועלט. נאך א ווייל איז זיין געזיכט צוריק געקומען צום נארמאלן אויסזען, דאן האט ער אנגעפאנגען: "הערטס טייערע אידן די הייליגע חידושים וואס איך האב אט יעצט געהערט אין ישיבה של מעלה!" - - - און ער האט אנגעפאנגען צו זאגן 14 פשטים אויפן פסוק "**אם בחקותי תלכו**", פארענדיגנדיג: "**די הייליגע חידושי תורה זענען געזאגט געווארן דורך הצדיק רבי חיים בן עטר!**"

מיטאמאל הערט זיך א שטימע פון צווישן די געסט אין ווינקל אויסרופן: "**דאס איז פון חיים בן עטר...**" - - - אלע אנוועזנדע זענען שאקירט געווארן. דער רב האט קוים געקענט צו זיך קומען פון די אומדערהערטע עזות פון אן אנגעבליכער "ארחי פרחי" וואס טרויעט זיך מזלזל צו זיין בכבודו של אותו צדיק וקדוש וואס זיינע חידושים ווערן געזאגט אין ישיבה של מעלה.

דער גאסט געבער האט זיך געפילט פאראנטווארטליך צו שיצן אויף זיין גאסט, האט ער - טראץ די אומגעהויערע בושה - פרובירט צו בארואיגן דעם רב אז געוויס איז דער איד נישט אינגאנצן ביים זינען, און דער רב זאל אים נישט מעניש זיין אויף די חוצפה.

שבת בייטאג איז מען סוף סעודה נאכאמאל אריבער צום רב אין שטוב. אויך דאן האט דער רב איבערגעזאגט מיט א פלאם פייער נייע 14 פירושים אויף "**אם בחקותי תלכו**" אויספירנדיג: "**דאס האב איך געהערט אין הימל נאכזאגן פון הצדיק רבי חיים בן עטר!**" און ווידער הערט זיך די שטימע פון ווינקל אויסרופן: "**דאס האט געזאגט חיים בן עטר...**"

דער רב האט געפילט אז מ'טאר דאס מער נישט פארשווייגן, חוצפה האט א גבול! און מיט גרויס שווערקייט האט דער גאסט געבער זיך איינגעבעטן ביים רב אז ער זאל אים נישט שטראפן, ער גייט שוין רעדן מיט זיין גאסט אויף דעם אהיימגייענדיג.

אויף שלש סעודות האבן זיך די אידן ווידער פארזאמעלט ביים רב אין שטוב. צום דריטן מאל מאכט דער רב אן "עליית נשמה" און דערויף זאגט ער מיט א פלאמעדיגע צורה נייע 14 פשטים אויפן פסוק "**אם בחקותי תלכו**" וואס ער האט נארוואס מקבל געווען אין מתיבתא דרקיע "**בשם הצדיק רבי חיים בן עטר!**" און אויך דאסמאל גיבט דער אומבאקאנטער גאסט א רוף אויס: "**חיים בן עטר...**"

דא האט דער רב געפילט אז איז ער שוין מחויב מוחה צו זיין אויף כבוד תלמידי חכמים וכבוד התורה אזויווי די הלכה פארלאנגט און די עוולה טאר נישט פארשוויגן ווערן. ס'האט נישט געהאלפן קיין פודנו ומצילנו פונעם בעל אכסניא, דער רב האט באפוילן דעם שמש צו נעמען דעם גאסט - וואס האט דריי מאל מזלזל געווען בקדושי עליון - און אים איינשפארן אין א באזונדערן צימער נעבן בית המדרש ביז נאך הבדלה, דאן וועט מען זיך זעצן דן זיין וואס ס'קומט אים פאר די אומדערהערטע חוצפה און עזות. דער אור החיים הק' איז אריינגעפירט געווארן אין א צייטווייליגע ארעסט-קאמער נעבן דעם שול.

דער זון איז אונטערגעגאנגען און ס'איז געווארן מוצאי שבת. מיטאמאל האט אנגעהויבן צו בוזשעווען א שרעקליכע שטורעם ווינט און אינמיטן סאמע זומער איז געווארן ווינטער, אבער נישט סתם ווינטער, ס'האט געפיפן און געוואויעט פון אלע זייטן, ביימער האבן זיך אויסגעריסן און דעכער זענען געפלויגן אין די לופטן.

אין גרויס בהלה זענען זיך אלע מענטשן פון שטאט צוזאמגעלאפן צום רב אין שטוב, שרייענדיג מיט יללות אז ער זאל זען אפצושרייען די ביטערע גזירה אויבן אין הימל, ווייל ווי ס'זעט אויס האלט דער וועלט ביים חרוב ווערן...

דער רב האט תיכף געמאכט אן "עליית נשמה" אנפרעגנדיג אין הימל וואס דער שרעקליכער שטורעם דארף באדייטן? האט מען אים געענטפערט, אז דער עונש איז געקומען אויף זיין שטאט וויבאלד ער האלט דארט פארשפארט דעם איש צדיק וקדוש דער הייליגער אור החיים! מ'האט אים געזאגט, אז מוצאי שבת מאכט מען נישט צוריק אויף דעם גיהנום - וועלכע רוט א גאנץ שבת און די רשעים האבן מנוחה - ביז דער אור החיים הקדוש מאכט הבדלה! אבער יעצט אז ער איז פארשפארט און ער קען נישט מאכן הבדלה, טוט זיך א טומל און אן איבערקערעניש אין אלע וועלטן.

יעצט האט דער רב געכאפט אז דער גאסט איז נישט קיין אנדערער ווי דער אור החיים הק' אליין! תיכף ומיד האט ער געהייסן אים גיין באפרייען פונעם קאמערל, און ער האט אים פארבעטן צו זיין טיש בכבוד גדול.

נאכן באגריסן דעם געהויבענעם גאסט האט דער מרא דאתרא געזאגט פארן אור החיים הק' אז מ'האט אים מגלה געווען פון הימל אז מיט די צער וואס ער האט געהאט זייענדיג איינגעשפארט איז ער אפגעקומען די פארבליבענע צייט וואס ער האט נאך געדארפט ליידן גלות, און יעצט קען ער שוין צוריק אהיימגיין בשלוה ומנוחה.

לבקשת רבים האבן מיר בס"ד אריינגעברענגט א נייע פרישקייט אינעם דרוקן און אינעם מפיץ צו זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזויווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998

אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע די גליון, קענט איר רופין:

הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839

וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com